# שִׂיחוֹת הָרֹאשׁ יְשִׁיבָה שְׁלִיטָ"א

## פרשת ויצא שנת תשפ"ב לפ"ק

ארויסגעגעבן דורך
"קרן הדפסה היכל הקודש"

# שיחות וסיפורים

## אזוי האב איך געזען ביי מיין טאטע שליט"א

איינמאל ווען עס האט גערעגנט אום סוכות און איינער פון די תלמידים איז איינגעשטאנען ביים ראש ישיבה שליט"א, האט אים דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "דו דארפסט נישט שלאפן אין די סוכה ווען עס רעגנט. איך שלאף יא אין די סוכה, מיט א פארמאכטע שלאק, ווייל אזוי האב איך געזען ביי מיין טאטע שליט"א; איך האב קיינמאל נישט געזען מיין טאטע שליט"א שלאפן אין שטוב אום יום טוב סוכות". האט דער תלמיד געפרעגט דעם ראש ישיבה שליט"א אז יעצט אויפ'ן מינוט רעגנט דאך נישט, האט דער ראש ישיבה שליט"א געענטפערט: "אבער מען זאגט עס גייט רעגענען א גאנצע נאכט, קענסטו זיך לייגן אין שטוב".

## איך שלאף, איך עס, איך לערן און איך דאווען

א תלמיד פונעם ראש ישיבה שליט"א איז איינגעשטאנען שבת חול המועד סוכות ביים ראש ישיבה שליט"א, האט אים דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "עס איז נישט דא וואס צו קוקן ביינאכט ווי אזוי איך שלאף, איך מאך נישט קיין עבודות... איך שלאף, איך עס, איך לערן און איך דאווען".

## די זאך פון התבודדות איז א גרויסע סוד

דער ראש ישיבה שליט"א זאגט: "די זאך פון התבודדות איז א גרויסע 'סוד'; עס זענען דא ערליכע אידן וואס לערנען און דאווענען, זיי דינען דעם אייבערשטן, אבער זיי ווייסן נישט פו די זאל אז מען

קען רעדן צום אייבערשטן!"

## כדי צו קענען רעדן צום אייבערשטן מוז מען זיין מקורב צו א צדיק

און דער ראש ישיבה שליט"א האט ווייטער געזאגט: כדי צו קענען רעדן צום אייבערשטן מוז מען זיין מקורב צו א צדיק, אזוי ווי דער רבי זאגט (ליקוטי מוהר"ן חלק א, סימן ס) אויף דעם מאמר חכמינו זכרונם לברכה (תרומות פרק א עיין שם, חגיגה ב:) "**סְתָם חֵרֵשׁ הוּא שֶׁאֵינוֹ שׁוֹמֵעַ וְאֵינוֹ מְדַבֵּר**", אז מען הערט דעם נישט דעם קול פונעם צדיק רעדט מען נישט צום אייבערשטן, און איינמאל מען הערט צו צום קול פונעם צדיק קען מען שוין רעדן צום אייבערשטן; און דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט: פאר איך בין מקורב געווארן צו מוהרא"ש האב איך געהאט ברסלב'ע חברים וואס האבן מיר געזאגט פון דאך פון 'התבודדות', איך פלעג פארן אין פעלד וכו' אבער איך האב נישט געמאכט התבודדות, איינמאל איך בין מקורב געווארן צו מוהרא"ש זכותו יגן עלינו, איך האב אנגעהויבן הערן דעם קול פונעם צדיק, האב איך אנגעהויבן מאכן התבודדות, איך האב אנגעהויבן רעדן צום אייבערשטן.

## מאך דערפון א מקוה

א אינגערמאן וואס וואוינט אין שטעטל האט דערציילט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א אז ער האט געטראפן א קוואל נעבן זיין הויז, האט אים דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט: "מאך דערפון א מקוה; מען דארף גארנישט האבן צו מאכן א מקוה, מען נעמט אפאר צווייגן פון א בוים, מען גראבט און עס ווערט א מקוה".

## אלעס אוועק געבן פון זיך

און דער דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט: אזוי האט דער הייליגער ריבניצער רבי זכותו יגן עלינו געבויעט מקואות אין רוסלאנד, מיט זיינע אייגענע הענט האט ער געגראבן מקואות, ער האט זיך מוסר נפש געווען פאר אידישע קינדער זיי זאלן קענען האלטן טהרת משפחה, און אזוי ווי די קאמוניסטן האבן געוואוסט דערפון אז אידן קענען נישט בויען קיין משפחות אן קיין מקוה האבן זיי נאכגעקוקט דעם ריבניצער רבי צו זען אויב ער האט א משפחה וכו', דערפאר האט ער אלעס אוועק געגעבן פון זיך, ער האט נישט אויפגעשטעלט קיין משפחה וכו', כדי ער זאל ווייטער קענען אריינברענגען טהרה ביי אידישע קינדער.

## דער אייבערשטער זאל מיר אזוי גרינג מוחל זיין?

דער ראש ישיבה שליט"א האט געזאגט: א גוי פארשטייט נישט דאס רחמנות פונעם אייבערשטן ווי גרינג עס איז צו תשובה טון, אז אפילו מען האט געטון א הארבע זינד רחמנא לצלן - אויב וויל מען תשובה טון מאכט דער אייבערשטער זייער גריג די תשובה, אזוי ווי מען זעט אין ספר יונה, ווען די מענטשן פון שטאט נינוה האבן געוואלט תשובה טון שטייט (יונה ג, ח): "**וְיָשֻׁבוּ אִישׁ מִדַּרְכּוֹ הָרָעָה וּמִן הֶחָמָס אֲשֶׁר בְּכַפֵּיהֶם**", יעדער מענטש האט זיך אומגעקערט פון זיין שלעכטע וועג און פון די רויב פון זייערע הענט, זאגן אויף דעם די הייליגע חכמינו זכרונם לברכה (תענית טז.) ווען די מענטשן פון נינוה האבן תשובה האבן זיי אזוי שטארק געטון תשובה אז אפילו אויב איינער האט גע'גנב'עט א באלקן און שוין ארייגעבויעט אין זיין הויז, האט ער צעשטויסן די גאנצע הויז און צוריק געגעבן דעם באלקן צו זיין בעל הבית, וואס באמת לויט די הלכה פעלט דאס נישט אויס צו טון, ווי די משנה זאגט (גיטין נא.) אלס "תקנת

השבים", כדי דער מענטש זאל גרינג קענען תשובה טון, האבן די חכמים מתקן געווען אז מען דארף נישט צעווארפן די הויז, נאר מען קען באצאלן די ווערד פון די באלקן, אבער א גוי קען דאס נישט פארשטיין "ווי אזוי קען זיין איך האב געזינדיגט און דער אייבערשטער זאל מיר אזוי גרינג מוחל זיין?" נאר דא זעט מען דאס רחמנות פונעם אייבערשטן, אפילו דו האסט געזינדיגט, דאך האט דער אייבערשטער נאך רחמנות אויף דיר און ווארט דו זאלסט תשובה טון, דערפאר האט מען גרינג געמאכט די תשובה.

## מען דארף עס איבערגעבן מיט א חיות

דער ראש ישיבה שליט"א געזאגט פאר א אינגערמאן וואס וואוינט אין שטעטל: "דאס וואס איך האב דיר געשריבן [1] דו זאלסט בלייבן צווייטע סוכות אין שטעטל, האב איך נאר געשריבן אויב דאס טאנצן אין שטעטל וועט זיין ווי עס דארף צו זיין, מיט ווארעמקייט און א פריילכקייט, אויב וועט דאס נישט זיין לעבעדיג און פרייליך נאר פארשלאפן וכו' דאן מוז מען יא אריינקומען צוליב די קינדער, זיי זאלן צוזען א יום טוב מיט א געשמאק; דו פריוואט האסט שוין נישט קיין קינדער אין שטוב קענסטו בלייבן אין שטעטל, אבער די וואס האבן קינדער אין שטוב, דארפן דאווענען יום טוב און טאנצן הקפות דארט וואו עס איז דא א ווארעמקייט און פריילכקייט. קינדער דארפן זען א חיות אין א יום טוב".

## מען איז שוין געגאנגען שפאצירן מיט די ווייב...

און דער ראש ישיבה שליט"א האט דערציילט: "איך האב געוואוינט אלס קינד אין בארא פארק, געדענק איך ווי אויף מיין

גאנצע גאס, אויסער ביי מיין זיידע זכרונו לברכה אין בית המדרש קארלסבורג, האט יום טוב נישט אויסגעקוקט קיין יום טוב, הושענא רבא און שמחת תורה - זענען זיי שוין געווען אפגעדאוועגט עלף אזייגער, און מען איז שוין געגאנגען שפאצירן מיט די ווייב... אויך פורים און חול המועד זענען זיי געהעריג געגאנגען ארבעטן... אבער כדי אז קינדער זאלן ליב האבן ימים טובים דארף מען זיי עס איבער געבן מיט א חיות, עס זאל זיך אנזען אז היינט איז א יום טוב".

## איך בין זיי נאר מחזק...

איינמאל האט מען געשמועסט דעם ענין וואס מען זעט היינט עלטערן טוען נישט אן די קינדער קיין ווייסע העמדער אום חול המועד, האט דער ראש ישיבה שליט"א זיך אנגערופן: "'א ווייסע העמד איז אנגעטון 'שבת'דיג'; איך זע ווי געוויסע משפחות גייען נישט אנגעטון שבת'דיג אום חול המועד, אבער איך רעד נישט די זאכן, איך בין זיי נאר מחזק...

## ביי א תלמיד היכל הקודש איז נישט קיין פראבלעם צו זען אלעס...

א אינגערמאן וואס איז א מלמד אין א תלמוד תורה האט דערציילט פאר'ן ראש ישיבה שליט"א אז מען האט אריינגעלייגט אין אלע כיתות אין זיין תלמוד תורה קוקערס (זיכערהייט קעמערע), וואו דער מנהל וכו' קענען זען און הערן א גאנצן טאג וואס טוט זיך אין כיתה, דער מלמד האט דערציילט ווי עטליכע מלמדים זענען זייער ברוגז דערויף אז מען קען זיי נאכקוקן יעדע ריר וואס טוט זיך ביי זיי אין כיתה, געוויסע האבן צוגעדעקט די קוקער מיט א

**צודעק וכו', האט דער ראש ישיבה שליט"א אים געזאגט: "ביי דיר, א תלמיד היכל הקודש, איז נישט קיין פראבלעם צו זען אלעס וואס טוט זיך ביי דיר אין כתה, עס וועט זיין די מעשה[2] וואס איז געווען ביי מוהרא"ש ווי איינער האט זיך אונטערגעהערט ווי אזוי ער לערנט פאר דעם פסוק אין פרשת ויצא** (בראשית כח, טז)**: "וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ וַיֹּאמֶר אָכֵן יֵשׁ ה' בַּמָּקוֹם הַזֶּה וְאָנֹכִי לֹא יָדָעְתִּי" און האט געהאט דערפון א גרויסע התעוררות".**

[1] בעזרת ה' יתברך יום ג' האזינו, ח' תשרי, שנת תשפ"ב לפרט קטן. לכבוד מיין טייערער ... נרו יאיר, קרית ברסלב

געב איבער פאר די משפחות אין שטעטל, קיינער דארף נישט קומען קיין וויליאמסבורג צו מיר אויף שמחת תורה. מיר זענען ברסלב'ער חסידים, מיר דארפן פארן איינמאל א יאר צו אונזער רבי קיין אומאן אויף ראש השנה, מער פון דעם דארף מען נישט; געלויבט דעם אייבערשטן אלע האבן זיך אנגעשטרענגט און געפארן קיין אומאן, מיר האבן זוכה געווען צו טון דעם רבינ'ס ווילן, דער רבי איז אונז אלע מתקן.

איך ווייס נישט ווער עס מאכט די ווינט אז אלע דארפן קומען אויף שמחת תורה, געב איבער פאר אלעמען אז יעדער זאל טון וואס איז אים באקוועם, וואס איז אים גוט. און דיר בעט איך באזונדער, בלייב אין שטעטל, מאך שיינע הקפות. זינג און טאנץ מיט אנשי שלומינו, מאך נאך די שיינע הקפות פון ישיבה וואס דו האסט בייגעוואוינט אלע יארן, מאך עס נאך אין שטעטל.

געדענקסט אוודאי וואס איך טו מיט די קינדער צווישן די הקפות, ווי איך זינג מיט זיי, איך רעד צו זיי און טאנץ מיט זיי.

חתימה טובה.

[2] פון א בריוו אין ספר עצתו אמונה: א איד דערציילט (עיין ספר פרנסה טובה שיחות והתחזקות, סימן מא) ער האט געדארפט אמאל א טובה פון מוהרא"ש איז ער געגאנגען צו די תלמוד תורה וואו מוהרא"ש איז געווען איינגעשטעלט, ער איז אנגעקומען ווען מוהרא"ש האט געהאלטן אינמיטן פארלערנען חומש פרשת ויצא, מען האט געהאלטן ביי דעם פסוק (בראשית כח, טז): "**וַיִּיקַץ יַעֲקֹב מִשְּׁנָתוֹ**", איז דער איד געבליבן שטיין אינדרויסן פון כיתה, ער האט אריין געקוקט און זיך צוגעהערט ווי אזוי מוהרא"ש לערנט פאר דעם פסוק פאר די קינדער: "**וַיִּיקַץ יַעֲקֹב**", יעקב האט זיך אויפגעוועקט, "**מִשְּׁנָתוֹ**", פון זיין שלאף, "**וַיֹּאמֶר**", און ער האט געזאגט "**אָכֵן**", עס איז אמת, "**יֵשׁ ה'**", דער אייבערשטער איז דא - און מוהרא"ש

האט געוויזן מיט די פינגער אויף די כתה - "**בַּמָּקוֹם הַזֶּה**", אויף דעם ארט, "**וְאָנֹכִי**", און איך - און מוהרא"ש האט געוויזן אויף זיך - "**לֹא יָדָעְתִּי**", האב נישט געוואוסט. מוהרא"ש האט דאס איבער גע'חזר'ט עטליכע מאל; דער איד האט דערציילט אז ער האט ממש געשפירט ווי ער געפונט זיך אין 'גן עדן', ער האט געהאט אזא התעוררות פון דעם, ער האט געשפירט ווי דער פסוק מיינט אים אליין, ווי ער וועקט זיך אויף און טראכט צו זיך: 'איך האב נישט געכאפט אז דער אייבערשטער איז דא, נעבן מיר, איך קען דאך רעדן צו אים'; אלע קינדער האבן געשפירט ווי דער אייבערשטער איז דא.